# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קפ"א | חג הפסח תשפ"ה לפ"ק

שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו!

# טמא'נער צה"ל שיקט ארויס פרישע 14,000 צווי גיוס אין איצטיגע מאנאטן, אין צוגאב צו 10,000 שוין ארויסגעשיקט ביז היינט — 1,900 בחורים שוין פארבאטן פון ארויספארן פון לאנד, 1,100 האבן ארעסט באפעל!

**יועהמ"ש פאדערט צו ווערן נאך שטרענגער מיט דורכפירן ארעסטן — רעגירונג פארעפנטליכט לאנגע ליסטע פון פינאנציעלע סאנקציעס וועלכע וועלן ווערן ארויפגעשטעלט אויף בני ישיבות וואס לאזן זיך נישט פאנגען אין זייער נעץ**

רבבות בני ישיבות שטייען פעלזן-פעסט: צה"ל'ס אינערליכער 'סך הכל' פון די 'הצלחות' דורכ'ן ווינטער: פון ערשטע **7,000** צווי גיוס, האבן זיך **306** געשטעלט צום לשכת הגיוס, דערפון **35** זיך רעקרוטירט...

**מזכיר הממשלה זאגט קלאר: איינציגער וועג צו ארייַנשלעפן מער חרדים איז בלויז מיט דורכפירן פשרה'דיגער חוק הגיוס, וואס וועט אפשוואכן קאטעגארישע קעגנערשאפט אין חרדי'שע גאס; זאגט אפן ארויס אז ציל איז צו כאפן שוואכערע בחורים — לדאבונינו זענען חרדי'שע חברי כנסת המינים און פאליטיקאנטן משתף פעולה; פרובירן דורכצופירן וואס שנעלער נייעם חוק הגיוס**

עצת פרעה הרשע: ויעבידו את בני ישראל בפ"ה ר"ך

## נאך טאטאלן דורכפאל הייבט מיליטער אן נייע 'בפה רך' סטראטעגיע מיט 'זיסע לאזונגען' און 'האניג רעקלאמעס'

פארשפרייט האניג-טריפנדע רעקלאמעס מיט 'זיסע לאזונגען' ווי שטארק זיי קוקן ארויס אויף זייערע פרומע 'חברים' פאר וועמען זיי ווארטן קוים צו קענען צושטעלן אלע זייערע געברויכן — פארשפרייטן מכלומר'שטע 'אנטשולדיגונג' פון מיליטערישער אפיציר אז 'ביז היינט טאקע נישט איינגעהאלטן הבטחות צוזושטעלן אידישקייט געברויכן' פאר חרדי'שע רעקרוטן, און 'מען נעמט זיך אונטער' צו ווערן בעסער... (לייץ: ערגער און ערגער)

**זה לעומת זה: אלע אפיסעס פון "מרכז עזרה ויעוץ" איבערגעשטערנגט ביז'ן מאקסימום, ספעציעל אין ערב פסח טעג**



## מרן גאב"ד ירושלים שטרענגט זיך אן צו שרייבן פייערדיגן מכתב קודש בכתי"ק צו בחורי ישראל: אשריכם גבורי החיל, אל תיראו ואל תפחדו, שכרכם הרבה מאוד

## כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א איז מתריע ביי שבת הגדול דרשה אין וויליאמסבורג קעגן שרעקליכער גזירת הגיוס, וואס ווערט אלס מער און מער א פאקטישער מציאות ליידער

מפום ממלל רברבן

# אלפי בני ירושלים רבנן ותלמידיהון אין שפיץ פון חברי הביד"ץ וגדולי ירושלים פארזאמלט לשמוע דבר ד' וויכטיגע הלכות און הדרכות ביי "דרשת שבת הגדול" פון מרן גאב"ד ירושלים שליט"א

פארלאפענעם ליל ששי ויקרא אין היכל ביהמ"ד הגדול 'מהרי"ץ דושינסקיא'







זעט מער אויף זייט 3

# קאמף קעגן טריפה׳נע שקאלעם אין ארה״ק

משה יודא יואל ווייס



**פארזעצונג פון פריער:**

לודוויג אויגוסט פרענקל, א יונגער ענערגישער רעפארמער פון וויען, עסטרייך, פארבינדט זיך מיט די רייכע אלמנה פאן לעמל, וועלכע וויל אים שיקן קיין ירושלים עיה״ק צו ׳אויסמענטשלען׳ די הייליגע שטאט און אריינדרינגען דעם גיפטיגן גייסט פון השכלה און רעפארם אין ירושלים של מעלה.

ער פלאנט צו קומען מיט א מאסקע פון אַן ערליכן איד וואס וויל בלויז ׳פארבעסערן אביסל׳ דעם חינוך, אבער ער פארעפנטליכט זיינע פלענער אין א ביכל אין וויען. איינער פון די ערליכע ראשי הקהלה דארט, הרה״ח ר׳ יצחק דייטש ז״ל, שיקט א בריוו קיין ירושלים עיה״ק צו ווארענען די גדולי ירושלים איבער די בעפארשטייענדע סכנה.

**און אצינד לייגט ווייטער:**

## פארשטעלט אלס פרומער איד

ענדע אייר יאר תרט״ז איז דער רשע און אפיקורס אנגעקומען קיין ירושלים עיה״ק.

טראץ וואס אין וויען איז ער געגאנגען אנגעטון ווי א קלאסישער רעפארמער. אָן קיין קאפל, געשניטענע פיאות, געקרייזלטע האר מיט א קליין באפוצט בערדל, געקליידעט לויט׳ן לעצטן מאדעל, ווי פאסיג פאר א ווינער יונגאטש, האט ער גוט פארשטאנען אז אויב ער קומט אזוי אָן קיין ירושלים, וועט קיינער ניטאמאל קוקן אויף דעם ׳גוי׳ וואס האט דא אריינגעוואנדערט.

ער האט שיין צוגעפוצט זיין צורה. זיך געלאזט וואקסן בארד און פיאות. אנגעטון א ריכטיגע אידישע טראגע, ווי יעדער פרומער אידישער באלעבאס אין וויען.

ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער די ערשטע זאך זיך געוואנדן צום עסטרייכישן קאנסול. נאך אין וויען האט ער געהאט אנגעקניפט פאליטישע באציאונגען, דינענדיג אלס סעקרעטאר פון די ארטיגע קהלה. דערצו האט זיין פארבינדונג מיט די רייכע אלמנה לעמל אים געעפנט אסאך טויערן.

בעפאר ער האט זיך גענומען צו זיין שענדליכע ארבעט, האט ער זיך געוואלט פארזיכערן אז ער האט פאליטישע ׳דעקונג׳. פילע ירושלימ׳ער אידן זענען געווען אנגעוואנדן אין די חסדים פונעם עסטרייכישן קאנסולאט. ספעציעל די אידן וועלכע זענען געקומען פון עסטרייך, דייטשלאנד, און אונגארן.

מיט די טערקישע הערשער איז אלעמאל געווען שווער צו האנדלען, און דער עסטרייכישער קאנסול האט געוועגליך באשיצט און זיך אנגענומען פאר ׳זיינע׳ בירגער, אויסער וואס ער האט סתם אזוי געהאט גוטע באציאונגען מיט די טערקישע רעגירונג.

און, ווי שוין דערמאנט, האט פרענקל נאך אין וויען געשריבן אין זיין ׳קול מבשר׳ אז ער האט זיך שוין פארבינדן מיט׳ן קייזער אין וויען און דעם סולטאן אין טערקיי - כאטש וואס מ׳קען רואיג אננעמען אז דאס זענען געווען ברייטע בארימערייען, און ער האט געמיינט צו זאגן אז ער האט פאליטישע פארבינדונגען איןביידע קעניגליכע הויפן.

פרענקל׳ס זיך פארזיכערן מיט שטיצע פונעם קאנסול - וועלכער האט אליין אויך זיכער מער געגליכן דעם צוגעפוצטן ווינער משכיל ווי די ערליכע ירושלימ׳ער אידן - איז געווען א קריטישער שריט אין פארלויפן דעם וועג פאר די רדיפות קעגן אים.

## דער ערשטער שבת

פרענקל האט נישט געדארפט ווארטן צו לאנג צו באקומען דעם ערשטן ׳טעם׳ פון וואס עס ווארט אים אפ פון די ערליכע ירושלימ׳ער אידן.

ווי ער אליינס דערציילט אין א בוך וואס ער האט שפעטער ארויסגעגעבן מיט׳ן נאמען ״נאַך ירושלים״ (ארגינעל געשריבן אין דייטש, שפעטער איבערגעזעצט אויף העברעאיש מיט׳ן נאמען ״ירושלימה״), איז ער דעם ערשטן פרייטאָג נאך זיין אנקומען געגאנגען צום כותל המערבי דאווענען, וועלנדיג צייגן זיין ׳כשר חזיר פיסלי׳.

ביי זיין אנקומען אהין האט אים געטראפן דער ״חזן הכותל״ - וואס איז געווען בעצם דער ארטיגער גבאי - וועלכער האט אים באפאלן מיט קולי קולות:

**״פארוואס ביזטו אהערגעקומען? דו ווילסט דא איינפירן נייע זאכן?! איינער האט דיך גערופן אהער?! ירושלים איז חרוב, און וועט אזוי זיין ביז משיח׳ס טאג. אונז דארף מיר נישט קיינער זאל קומען דא ׳בויען׳. מיר האבן די תורה און דאס איז אונז גענוג!״.**

[אגב, ס׳איז כדאי צו דערמאנען אז אין זיינע שפעטערדיגע שריפטן האט דער אפיקורס אויפגעדעקט זיין פינסטערן פרצוף, ווען ער שרייבט אינעם דערמאנטן ׳נאַך ירושלים׳, אז לויט זיין פארדארבענעם מח האט ״ארץ ישראל שוין פארענדיגט איר תפקיד פאר׳ן אידישן פאלק״, רח״ל, און אז פאר אידן איז בעצם בעסער צו בלייבן אין גלות ווי צוריק ארויפגיין קיין ירושלים, עפ״ל!

מיר ברענגען עס פשוט צו צייגן וואספארא פארדארבענער יונג ער איז געווען, און וויאזוי די געהויבענע ירושלימ׳ער אידן זענען געווען גוטע מבינים אויף זיינע אפיקורס׳ישע דעות.]

שרייבט ער דארט ווייטער, אז קודם האט ער געמיינט אז דער ׳הייסער׳ קבלת פנים איז נאר פון עפעס איין עקסטרעמיסט.

אבער דורכאויס שב״ק האט ער זיך געטראפן מיט א פאראייניגטן קאמף פון ממש גאנץ ירושלים. אין אלע בתי מדרשים האט מען אפגעשטעלט דאס ליינען, און ערליכע ירושלימ׳ער לוחמי מלחמות ה׳ זענען ארומגעגאנגען פון שוהל צו שוהל האלטן פייערדיגע דרשות קעגן די ערשיינונג פון פרענקל און זיינע פינסטערע פלענער.

ירושלים איז געווען פאראייניגט אים נישט געבן קיין דריסת הרגל אין קיין שום בית המדרש.

## שפאלט אינעם מויער

טראץ וואס פרענקל האט זיך גערישט אויף א קעגנערשאפט, אבער אויף ״דאס״ איז ער נישט געווען גערישט. די מעכטיגע מחאה האט אים געכאפט אין איבערראשונג.

א חכם להרע איז ער אבער געווען, און דעם שטן׳ס כח איז אלעמאל געווען דער ״ויזנב בך״, צו זוכן און טרעפן דעם ׳שוואכן פונקט׳ דורך וואו איינצוברעכן דעם פעסטן מויער.

נישט פארגעסן אז ער האט געהאט א שטארקע ווארט ביים עסטרייכישן קאנסול, און ער האט געטראפן געוויסע מענטשן אין ירושלים וועלכע האבן אים געראטן וויאזוי ער זאל פרובירן צו טרעפן א לאך, עפעס א פלאץ וואו ער קען האבן אַן אחיזה, צו קענען זיך אנכאפן און מאכן א קליינע שפאלט אינעם מויער.

ער האט גוט געוואוסט אז די מינוט ער האט ערגעץ וואו אריינצושטעקן זיינע נעגל, וועט ער שוין קענען גריבלען און גראבלען ביז׳ן אויפברעכן די שטארקע קעגנערשאפט.

(פארזעצונג קומט אי״ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ״י משנתו של מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע



# מרן גאב"ד ירושלים שליט"א משמיע דבר ה' ברמה ביי פייערדיגע שבת הגדול דרשה

נאך דברי תורה און הלכה: **רב שליט"א איז משמיע חובת מסירת נפש קעגן ביטערן גזירת הגיוס, וואס דער גאנצער ציל איז אויסצורייסן די ריינע אמונה רח"ל** - שטורעמט קעגן שענדליכע ראלע פון חברי כנסת המינים און מתחברים לרשעים אין אלע גזירות על הדת - **מחאה גדולה קעגן חרד'ישע אידן אין חו"ל וועלכע שטימען רח"ל ביי בחירות צום הסתדרות הציונית, וואס "ווער עס איז זיך מתחבר מיט זיי ווערט נפגע"** - פאדערט אויף נישט צו קויפן אין געשעפטן וועלכע זענען אפן אום שבת רח"ל

קובע זיין שיעורים אין הלכות שבת - **בכלל נישט אריינברענגען 'אינטערנעט' אין שטוב אפילו מיט א פילטער** - גודל השבח פון עדה החרדית; ווער ס'האט יראת שמים נוצט נאר הכשר פון בד"ץ העדה החרדית - **מצוה דאורייתא און חיוב צו שטיצן מורי הוראה אויף יו"ט** - מחנך זיין קינדער צו וועלן זיין גדולי תורה




אינה דומה שמיעה לראי"ה

# הוציאנו מעבדות לחירות!

## בילדער וועלכע רעדן אסאך אסאך מער ווי טויזנט ווערטער





### די וועלט דרייט זיך איבער, און עזרה ויעוץ דרייט איבער די וועלט...

אן איבערקערעניש מיט'ן גזירת הגיוס, בחורים האבן אנגעהויבן באקומען 'צוי גיוס', און דער ערשטער פון די ווערט ארעסטירט - עזרה ויעוץ טאנצט אריין, און... דער בחור איז דא מאכן א לחיים נאך זיין באפרייאונג בעז"ה

### בעצה אחת

דער מצב ווערט ענגער און שווערער, מען דארף וויסן קלאר וויאזוי מען גייט זיך אום אין יעדן פאל - מען מאכט אן עמווירדזשענסי 'אסיפת המצילים' וואו דער ראש המצילים גייט אריבער אלע דעטאלן



### נישט עפעס באזונדערס...

כמעט טעגליכער בילד (ליידער)... ר' שמעון אינדרויסן פון טריפה'נעם בית משפט גייט איבער שווערער קעיס מיט עו"ד מנחם שטאובער און נאך א לויער פון זיין שטאב



### א גוטע וואך

מיט וואס 'פארברענגט מען' די צייט אין די 'רואיגע' מוצאי שבת שעות?...



### פאר יעדן איינציגן איד!

א ישיבה פון 'בני עדות המזרח', רופט אריבער דעם ראש המצילים הערן וויאזוי מען גיט זיך אן עצה מיט די 'צווי גיוס' אנשיקעניש - דערביי זאגט מען אינאיינעם 'נשמת' להודות ולהלל אויף עטליכע 'פטורים' וואס זענען שוין אריבער בזכות די שלוחי השי"ת ושלוחי כלל ישראל

לקראת חג האמונ"ה – משכו ידיכם מעבודה זרה

# צוויי מיליאן דאלארדיגע חלוקה דורך מוסד הק' "קרן הצלה"; קאלאסאלע זעקס-און-א-האלב-מיליאן דאלאר דורכאויס די דריי חלוקות אין לעצטע האלבע יאר!

**איבער 220 מוסדות על טהרת הקודש מקבל געווען הערליכער תמיכה לקראת יו"ט פסח – צושטאנד געקומען דורך ריזיגע נדבות שלומי אמוני ישראל טראץ שווערע עקאנאמישע תקופה – אשריכם מקדשי שם שמים**







צום פינפטן מאל בס"ד:

## הונדערט טויזנט דאלארדיגע חלוקה דורך ירושלימ'ער רב שליט"א פאר חברי הבד"ץ ודייני העדה החרדית לכבוד יו"ט

**דורך מפעל הכביר 'קרן תמכין דאורייתא' פונעם "ועד הפעולה שע"י העדה החרדית" – באַזונדערע חלוקה פאַר גרעסערע משפחות פון בני העדה החרדית**

ערמעגליכט דורך ריזיגע נדבות פון נגידים ונדיבים אינאיינעם מיט ברייטן ציבור חסידי סאטמאר, דורכאויס גרויסארטיגע מגבית פארגעקומען אין לעצטע וואכן


ברוב שמחה וחדוה אנו מברכים

# ברכת מזל טוב

לכבוד הני תרי צנתרי דדהבא

ידידינו וידיד כל בית ישראל
איש חי ורב פעלים מוכתר בכל מעלה ומדה
רודף צדקה וחסד עסקן נמרץ לכל דבר שבקדושה, ה"ה
מוה"ר **שמעון דאווידאוויטש** שליט"א
חבר 'ועד הפעולה' שע"י העדה החרדית ומו"ל גליון "קהלא קדישא"
לרגל הולדת בתו למז"ט ובשעטומ"צ

ובהאי שעתא דקא גרים, נבואה שעריו בתודה על התמסרותו בכל עת ועידן למען הצלחת העדה החרדית ולהרים קרן התורה בטהרה ע"ד ישראל סבא במסירות נפש נפלאה יומם ולילה לא ישבתו

ידידינו וידיד כל בית ישראל
איש חי ורב פעלים מוכתר בכל מעלה ומד
רודף צדקה וחסד עסקן נמרץ לכל דבר שבקדושה, ה"ה
מוה"ר **מענדל עקשטיין** שליט"א
מראשי הנהלת 'ועד הפעולה' שע"י העדה החרדית דארה"ב
לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ למז"ט ובשעטומ"צ

ובהאי שעתא דקא גרים, נבואה שעריו בתודה על התמסרותו בכל עת ועידן למען הצלחת העדה החרדית
ובפרט במגבית חבר נאמן ובמגבית קיום התורה ובכל זמן ועידן שעומד לימינו במסירות נפש נפלאה יומם ולילה

ויהא רעוא שזכות הרבים וזכות התורה יעמוד להם ולכל יוצאי חלציהם שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם ושפע ברכה והצלחה וכל מילי דמיטב בכל עניניהם ובפרט בעסקיהם הברוכות למען הכלל והפרט עדי נזכה לביאת משיח צדקנו בב"א

כ"ד המברכים
הנהלת ועד הפעולה שע"י העדה החרדית



ברכת מזלא טבא
אל מול ידידינו
החשוב

החתן כמר **יודא הכהן שווארץ** הי"ו
עסקן נמרץ לטובת "מרכז עזרה ויעוץ"
לרגל אירוסיו למז"ט

יה"ר שאך טוב וחסד ידרפנו כל
ימי חייו, ויזכה להמשיך בפעולותיו
הברוכות ברוב הצלחה וסיעתא דשמיא



**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227



להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן
אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com

Mishnusoi | POB 152, Monroe NY 10950 | 845.391.0399 | mishnuso@gmail.com